# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קפ"א – שלח תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


### תתתתקכז) עס דערציילט מיין טאטע
## הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק

עס האט מיר דערציילט הגה"צ רבי יושע זאב מייזליש שליט"א אב"ד ליעזש-לאנדאן אז ער האט געלערנט אין די סאטמארע ישיבה אין וויליאמסבורג אין די ערשטע יארן, און זיי האבן געהאט א חבורה בחורים וואס פלעגן אויפשטיין פרי פארטאגס לערנען יורה דעה.

איין טאג איז ער געווען זייער מיד, און ער האט געשפירט אז ער קען נישט ווייטער לערנען, האט ער געטראכט אז ער וועט גיין אין מקוה, און זיך אויפפרישן צו קענען לערנען ווייטער. אבער זייענדיג אין מקוה איז ער טיף איינגעשלאפן אינעם בור הטבילה, און ער איז געווען אין א סכנה אז ער וועט אראפפאלן און זיך דערטרונקען.

פלוצלונג הערט ער שרייען "נו, נו..." ער כאפט זיך אויף און ער זעהט רביה"ק הדברי יואל זי"ע בכבודו ובעצמו שטייט דארט.

ער איז שנעל ארויסגעלאפן פון מקוה, און צוריק אין ביהמ"ד שפירענדיג אז דא האט אים דער רבי געראטעוועט פון א זיכערע סכנה.

ווען ער איז צוגעגאנגען צום משב"ק און געפרעגט "דער רבי קומט דאך געווענליך אין מקוה שפעט פאר חצות היום, וואס איז דער רבי היינט געקומען 6 אזייגער פארטאגס?". זאגט דער משב"ק "איך ווייס נישט, עס איז מיר געווען א פלא, ווען דער רבי האט זיך פלוצלונג אנגערופן פארטאגס "איך גיי יעצט אין מקוה"... (חנני' יו"ט ליפא אשכנזי)

### תתתתקכח) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' משה גרויס ע"ה

יעדן שבת פלעגט דער זיידע הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע טיילן בילקעס פארן עולם געסט וואס זענען געווען ביי איהם אויף שבת. איינמאל איז געווען אז די רביצין ע"ה האט נישט צוגעגרייט די קליינע חלה'לעך און ווען עס איז געקומען צום טיילן שיריים איז נישט געווען גענוג חלות.

למעשה איז געווען א פלא, אז רבי ישעי'לע האט געהאט א זאק מיט ווייניג חלות, און ער האט אנגעהויבן צו טיילן פון דעם זאק, און ווילאנג עס איז געווען חסידים וואס האבן געבעטן האט ער געהאט גענוג חלות. (חיים שמואל פריעדמאן)

### תתתתקכח) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש הי"ו משב"ק

מיין טאטע הרה"ח ר' ישראל בער ז"ל איז געווען א גרויסער איש החסד און א גאון בענינים שבין אדם לחברו, ווען ער האט באגעגנט א איד מיט א צובראכן הארץ, האט ער אים פרובירט צו מינטערן מיט זיינע בא'טעמ'טע מעשיות ככל הבא לידו, און מיט זיין הארציגן שמייכל, אזוי אז פילע מרי נפש האבן זיך מיט אים ממש געמינטערט.

איינמאל האט ער באגעגנט א צובראכענעם בחור'ל וואס האט ל"ע אסאך מיטגעמאכט, האט ער זיך געזעצט לערנען מיט דעם בחור א שטיקל גמרא, דערנאך האט ער אים שטארק אויסגערימט ווי גוט ער לערנט, און ווי חשוב ער איז, זאגענדיג "דער עולם ווייסט נישט אפצושאצן דיינע געוואלדיגע מעלות".

עס איז געווען א איד וואס האט אים באטראפן א מרה שחורה ה"י, און פלעגט זיך ארום דרייען אין בית המדרש ארויף און אראפ מיט א פארביטערטקייט, דער טאטע האט זיך צוגעשארט צו אים און אנגעהויבן מיטשפאצירן מיט אים, און שמועסן אינאיינעם, נאכן שמועס א שטיק צייט נעמט ער ארויס פון טאש א הונדערטער (בימים ההם ווען א הונדערטער איז נאך מער ווערט געווען...) און זאגט אים "א מענטש דארף אלץ האבן אביסל איבריג געלט ביי זיך, דא האסטו".

ווי נאר ער האט אנגעטראפן א נצרך האט ער אים שוין געהאלטן אין איין שיקן נאך און נאך, לאנגע יארן... דעריבער איז גארנישט קיין חידוש, אז ווען אימער ער איז ארויס אויף די גאס איז ער צוריק געקומען מיט ליידיגע טאשן... און נישט אומזיסט האט זיין פרוי - די מאמע ע"ה - זיך נישט געקענט פארשטעלן וואס עס גייט פאר, אז א יעדע וואך פארלירט ער זיין געלט. זי פלעגט אים זאגן "מענטשן שטייען אונטער דיר אויסגע'שורה'ט אויף צו הייבן דאס געלט וואס דו פארלירסט..." (געציל מענדלאוויטש, משה מענדלאוויטש, שמואל מענדלאוויטש, יצחק אייזיק וויינשטאק)

### תתתתקל) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יעקב אקער הי"ו

אונזער זיידע איז געווען הגה"ח המקובל ר' עמרם אויש זצ"ל פון סאטמאר. ער האט זיך געפירט אויפצושטיין פרי פארטאגס און גיין אין מקוה און דערנאך האט ער זיך געזעצט פלייסיג לערנען ביז ווען עס איז געקומען דער זמן תפילה.

איינמאל אנהויב ווינטער האט זיך געמאכט אז איינער פון די נגידים אין סאטמאר האט געדארפט ארויספארן אויפן וועג פאר זיינע געשעפטן. די נאכט איידער ער איז אוועקגעפארן האט ער שוין אנגעגרייט דאס געלט מיט אלע דאקומענטן און פאפירן וואס ער האט געדארפט האבן פאר די נסיעה אז ער זאל קענען באלד אינדערפרי ארויספארן אויפן וועג.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאנען פארטאגס, ער איז געגאנגען אין מקוה, ער האט געדאוועט און ער איז אהיימגעגאנגען. איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג איז ער געגאנגען נעמען דאס פעקל וואס ער האט זיך אנגעגרייט, אבער ער האט דאס נישט געקענט טרעפן. האט ער אנגעהויבן איבערצוטראכטן וואו דאס געלט קען זיין, ער האט געטראכט וואו ער  איז אלס היינט געווען, ביז ווען ער האט מחליט געווען אז נאר רבי עמרם האט געקענט נעמען דאס פעקל, ווייל נאר מיט איהם האט ער זיך באגעגנט היינט אינדערפרי אין מקוה, און אויסער איהם איז קיינער נישט דארט געווען. און עס מוז זיין אז בשעת ער האט זיך גע'טובל'ט האט רבי עמרם נישט עומד בנסיון געווען און ער האט געלייגט די הענט אויף דאס פעקל.

דער נגיד איז באלד אריבערגעגאנגען צו רבי עמרם אין שטוב און ער האט זיך אנגעהויבן צו בעטן צו איהם אז ער זאל צוריק געבן דאס געלט, "איך ווייס אז איר זענט א צדיק, און אירווילט זיכער נישט גנב'ענען מיין געלט, נאר מסתמא ווילט איר טון מצות און געבן צדקה מיט דאס געלט, איך געב אייך גערן א טויזענטער פאר צדקה, אבער גיט מיך צוריק דאס פעקל געלט, ווייל איך מוז שוין פארן צו מיינע געשעפטן".

דער זיידע פרעגט אים "וואס פאלט איין אז איך גנב'ע געלט צו טון מצות?". אבער דער נגיד האט נישט נאכגעלאזט און ער האט גע'טענה'עט אז ער וויל גארנישט הערן און ער דארף דאס געלט.

האט דער זיידע געשיקט רופן דעם דיין רבי יחיאל אויש ז"ל, און ער האט אים געזאגט "דער איד האט שוין אפגעמאכט ביי זיך אויף א זיכערע זאך אז איך האב גענומען זיין געלט, איך פארשטיי אז מיטן זאגן אז איך האב דאס נישט גענומען וועט עס מיר נישט צופיל העלפן, עס וועט נאר ווערן א מחלוקה און די זאך וועט ארויסגיין אין די גאס, עס וואלט זיכער געווען צוויי מיינונגען, טייל וואלטן מיר געגעבן גערעכט אז איך האב דאס נישט גענומען, און אנדערע וואלטן מיך

׳פארענטפערט׳ אז כ׳האב נישט געקענט עומד בנסיון זיין אינעם שווערן מצב, ווייל ס׳קען נישט זיין אז דער גרויסער נגיד זאל זיך טועה זיין, ממילא האב איך מחליט געווען אז עס זאל נישט זיין קיין חילול ה׳ וועל איך אלעס באצאלן״.

דער זיידע האט זיך געמאכט א חשבון אז ער פארדינט פון זיין געהאלט אלס בעל תפילה 400 לעי א חודש, צוואנציג לעי דארף ער צו קויפן ברויט א חודש, און די איבריגע 380 לעי וועט ער חודש׳ליך אפצאלן פאר דעם נגיד. דער נגיד האט קיין צוויי ברירות נישט געהאט און ער האט מסכים געווען דערצו. אזוי איז אריבערגעגאנגען אכט חדשים, און רבי עמרם האלט ווארט און ער באצאלט צוביסלעך דאס געלט אזוי ווי מ׳האט אפגעשמועסט.

פאר פסח ווען מ׳האט ביים נגיד אין שטוב איבערגעקוקט אלע חפצים אין שטוב, האט מען געטראפן אין זיין נייעם אנצוג דאס גאנצע פעקל געלט און די אלע שריפטן... האט ער זיך דערמאנט אז ביינאכט האט ער געטראכט אז ער וועט פארן אנגעטון מיט דעם אנצוג, און ביינאכט איידער ער איז געפארן האט ער דארט אריינגעלייגט דאס גאנצע געלט.

דער נגיד איז געווארן זייער צובראכן, זייענדיג א שטארקער מקורב ביי **רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע** אז ער אריבער צום רבי׳ן און דערציילט די מעשה און געבעטן א תשובה. זאגט אים דער רבי ״רבי עמרם איז א חשוב׳ער איד, א צדיק, פרעג אים אליין וואס דיין תשובה זאל זיין״.

לויפט ער אריבער צום זיידן רבי עמרם אין שטוב, און ער ווארפט זיך אויף דער ערד און בעט מחילה, רבי עמרם האט אים בארוהיגט, און נאכאמאל גערופן דעם דיין רבי יחיאל ז״ל, און בארוהיגט דעם נגיד זאגנדיג ״די מעשה האט גארנישט מיט אייך, עס איז געווען א נסיון פון הימל, מ׳האט מיך געוואלט אויספרובירן צי איך וועל געשטערט ווערן פון עבודת ה׳ וועגן דעם״. און דער זיידע האט נאר געוואלט צוריק נעמען דאס געלט וואס ער האט שוין באצאלט פארן נגיד, כאטש יענער האט געוואלט צולייגן א גרויסע סומע געלט אלס פיוס.

דער זיידע פלעגט אלס זאגן ״איידער מ׳איז חושד א איד דארף מען איבערטראכטן צוויי מאל פריער״...

דער זיידע האט שטארק שלום געמאכט מיט יענעם נגיד, און מיט די יארן האבן זיי זיך צוויי מאל משדך געווען. (חיים הערש אקער, חיים מענדל אקער, אלימלך שלמה יודא אקער, שניאור זלמן אקער)

**תתתתקלא) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ משה פאגעל הי״ו

איך האב אמאל געשמועסט מיט הרה״ג ר׳ ברוך קאפלאן ז״ל דער מנהל פון בית יעקב אין וויליאמסבורג, האט ער מיר דערציילט אז ווען דער ספה״ק ויואל משה איז ארויסגעקומען, האט ער דורכגעלערנט דעם גאנצן ביאור בחומר איסור הבחירות וואס דער רבי איז דארט מבאר, און ער איז נאכדעם געווען ביים רבי׳ן האט ער איהם געפרעגט ״אויב איז אזוי קלאר די טעמי האיסור, וואס זענען די סברות פון די מתירי הבחירות?״.

האט אים דער רבי געענטפערט ״איך וויל אויך וויסן זייער טעם, ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל האב איך געוואלט פרעגן דעם טשעבינער רב ז״ל אויף וואס זיין היתר איז געבויעט, האט מען מיך געבעטן אז איך זאל נישט קומען, אבער איטשע מאיר לעווין דעם ראש האגודה, האט ער יא אויפגענומען״.

מעשה שהיה, ווען דער רבי איז געווען אין ארה״ק בשנת תשט״ו האט ער שטארק לוחם געווען קעגן דאס גיין צו די בחירות, און ער האט געהאלטן פייערדיגע דרשות בחומר הענין. וואוסנדיג אז דער רבי וויל הערן פון די מתירי הבחירות זייער טעם להיתר, און זיך מתווכח זיין מיט זיי, איז געקומען הרה״ג ר׳ ברוך שמעון שניאורסאהן ז״ל דער איידעם פונעם טשעבינער רב ז״ל צום רבי׳ן, און געבעטן אז דער רבי זאל נישט רעדן מיטן שווער איבער דעם ענין, ווייל ער האט צוטוהן מיטן הארץ, און עס קען איהם ח״ו שאטן.

האט דער רבי געזאגט ״איך וויל אים דען קראנק מאכן? איך וויל דאך נאר הערן זיין סברא להיתר״, האט הרב שניאורסאהן געזאגט ״מיין שווער האט נישט מברר געווען דאס ענין, ער האט זיך נאר סומך געווען אויף די חתימה פונעם בעלזער רב ז״ל״.

ווען דער רבי האט דאס געהערט איז ער שוין נישט געגאנגען צום טשעבינער רב, זאגנדיג ״אויב איך קען נישט רעדן מיט אים איבער דעם ענין, וואס האב איך צו גיין״...(שמעי׳ ברוך גאלד, יעקב זילבערשטיין)

**תתתתקלב) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ שמעון ירוחם הירש הי״ו

עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען עס איז געבוירן געווארן א קינד צו איינעם פון מיינע נאנטע ידידים אין ארץ ישראל, און דאס קינד האט ל״ע געהאט צוויי ושט׳ס (יעדער מענטש האט א ׳קנה׳ וואס ברענגט ארויס דעם אטעם פון די לונגען, און א ׳ושט׳ פירט דורך דאס עסן אריין אין קערפער, און ביי דאס קינד איז געווען צוויי ושט׳ס) דאס קינד האט פון די ערשטע מינוט אן געאטעמט דורך א פייף וואס די דאקטורים האבן אריינגעלייגט אין האלז, און די דאקטורים אין ארץ ישראל האבן אים נישט געקענט העלפן, איז ער צובראכענערהייט געקומען צו פארן קיין אמעריקע, און ער איז געווען ביי די גרעסטע דאקטורים וואס האבן אונטערגעזוכט דעם קינד, געמאכט בילדער פון זיין האלז און אלע האבן געזאגט אז דאס איז א אומהיילבארע מחלה, און דאס קינד וועט קיינמאל נישט קענען אליין אטעמען ה״י.

אויף די בקשה פון מיין ידיד בין איך אריין צום רבי׳ן **מרן בעל ברך משה** זי״ע און איך האב געגעבן א קוויטל מיט דעם נאמען פון דאס קינד, און איך האב דערציילט פארן רבי׳ן איבער די מחלה פון דאס קינד.

דער רבי רופט זיך אן ״עס קען נישט זיין, אין די הלכה טרעפן מיר נאר אז א בהמה קען געבוירן ווערן מיט צוויי ושט׳ס (עי׳ יו״ד סי׳ ל״ג רמ״א ס״ה) אבער ביי א מענטש טרעפן מיר דאס נישט״. איך האב ארויסגענומען די בילדער פון די טעסטס און דאס געוויזן פארן רבי׳ן, אבער דער רבי האט דאס אוועק געמאכט און געזאגט אז זיי ווייסן נישט וואס זיי רעדן, ווייל עס קען נישט זיין אזא זאך ביי א מענטש... איך בין ארויסגעקומען פונעם רבי׳ן און איבער געגעבן פאר יענעם איד דעם רבי׳נס ווערטער גלייבנדיג באמונת צדיקים אז דער רבי ווייסט בעסער ווי די דאקטורים.

ווען דער איד איז צוריק געגאנגען די קומענדיגע מאל צו די דאקטורים, און זיי האבן איבערגעמאכט דעם טעסט זענען זיי פארוואונדערט געווארן צו זעהן וואו דאס ׳קינד׳ האט א געהעריגע ׳קנה׳, און דאס קינד האט געקענט געהעריג אטעמען, א זאך וואס איז לויט זיי געווען שלא כדרך הטבע, און דאס קינד איז ב״ה א געזונטער בחור לאיוש״ט. (משה הערש הירש, שמואל גינסבורג, שמואל מאיר בוים)

**תתתתקלג) עס האט דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ פינחס נחמן גלויבער ע״ה

דער רבי מרן הברך משה זי״ע איז געווען צוגעבינדן צו די תלמידי הישיבה מיט א געוואלדיגע אהבה, און ער האט זיי כסדר אינזינען געהאט און זיך געזארגט. יעדער תלמיד איז ביי איהם געווען ווי אן אייגן קינד.

עס איז אמאל געווען א שווערע תקופה ווען דער רבי האט מיטגעמאכט פארשידענע עגמת נפש, איז אונזער זיידע געקומען צו פארן צום רבי׳ן זי״ע און געזאגט אז ער איז ספעציעל אריינגעקומען פון מאנסי, אפצוגעבן א הכרת הטוב און א יישר כח, דער רבי פרעגט אים ״וואס איז?״. זאגט ער ״כ׳האב נישט לאנג צוריק חתונה געמאכט מיין עלצטע טאכטער מיט א בחור פון רבינ׳ס הייליגע ישיבה, וויל איך איבערגעבן פארן רבי׳ן אז איך קוועל ממש גרויס נחת, ער מאכט פשוט לעכטיג אין שטוב מיט זיין גרויסע התמדה און זעלטענע גוטע מדות טובות ויראת שמים, ער פארפעלט נישט קיין פארטאגס אויפצושטיין לעסוק בדברי תורה וכו׳״.

דעם רבי׳נס הייליגע צורה האט פשוט אויפגעלאכטן, און דער רבי האט אים געזאגט ״עס קומט זיך דיר א יישר כח, עס קומען אריין פארשידענע אידן צו דערציילן ענינים פון עגמת נפש, ב״ה אז מען הערט די צווייטע זייט פון די מטבע אז עס וואקסן ארויס גוטע פירות פון אונזער הייליגע ישיבה, וזה שכרי מכל עמלי״.

דער רבי האט אים איבער געפרעגט דעם נאמען פון זיין איידעם און ער האט אים געווינטשן שפע ברכות לרוב.

ביי די ערשטע געלעגנהייט נאך די מעשה ווען דער רבי האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה בהיכל המתיבתא הקדושה פאר די בחורי הישיבה, האט דער רבי דערציילט די מעשה מיט גרויס שמחה פאר די בחורים, און ער האט געזאגט דעם נאמען פונעם אינגערמאן, אויספירנדיג ״פארוואס זאג איך דאס אייך? ווייל איר אלע קאנטס זיין און אויפוואקסן אזוי, און איר אלע דארפט׳ס שטרעבן אז מען זאל קענען זאגן אויף אייך די זעלבע זאך״. (פנחס נחמן ברי״מ גלויבער, פנחס נחמן וויינגארטען)